# Was Gimpel a **Fool?**

**A Master Class on Singer's Masterpiece**

JCC manhattan

# גימפל תם

א

איך בין גימפל תם. איך האַלט מיך נישט פֿאַר קיין נאַר פֿאַרקערט. נאָר די לײַט רופֿן מיך מיט אַזאַ צונעמעניש. מ'האָט מיך אָנגעהויבן רופֿן אַזוי נאָך אין חדר. זיבן צונעמען האָב איך געהאַט, ווי יתרו: טראָפּ, חמור־אייזל, האָרפֿלאַקס, לעקיש, גלאָמפּ, שמויגער און תּם. דער לעצטער נאָמען האָט זיך צו מיר צוגעקלעפּט. וואָס איז געווען מײַן נאַרישקייט? באשר מ'האָט מיך גרינג געקאָנט אָפּנאַרן. מ'האָט געזאָגט: גימפּל, דו ווייסט, די רביצין איז געלעגן געוואָרן, בין איך נישט געקומען אין חדר. נו, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ס'איז געווען אַ ליגן. פֿון וואַנען האָב איך דאָס געזאָלט וויסן? ווײַל זי האָט נישט געהאַט קיין גראָבן בויך. נו, האָב איך נישט געקוקט אויף דער רביצינס בויך. איז דאָס אַ נאַרישקייט? אָבער די קונדסים האָבן געלאַכט, געכיכעט, מיר אַקעגנגעטאַנצט און מיר אָפּגעלייענט אַ קריאת־שמע־לייענען: אל מלך, קאַטשקע דריי דיך. אַנשטאָט ראָזשינקעס, וואָס מ'טיילט בײַ אַ קימפּעטאָרין, האָט מען מיר אַרײַנגעשטופּט אַ הויפֿן ציגן־באָבקעס. ווי איר קוקט מיך אָן בין איך נישט געווען קיין מלופֿן־קינד. אַז כ'האָב דערלאַנגט אַ פּאַטש האָט מען געזען קראָקע. אָבער כ'בין בטבֿע נישט קיין שלעגער. כ'טראַכט: זאָל מײַנס איבערגיין. דעריבער האָט מען אין מיר אַ קונה.

כ'בין געגאַנגען פֿון חדר און הער ווי אַ הונט בילט. כ'האָב נישט קיין מורא פֿאַר קיין הינט, אָבער כ'וויל נישט אָנהייבן מיט קיין כּלבֿ. ער קאָן אַ מאָל זײַן משוגע און אַז ער טוט דיר אַ ביס, וועט דיר קיין טאַטער נישט העלפֿן. נו, האָב איך געמאַכט פֿיס. כ'טו אַ קוק: דער גאַנצער מאַרק קוילערט זיך פֿון געלעכטער. ס'איז נישט געווען קיין הונט, נאָר וואָלף־לייב גנבֿ עליו־השנאָבל. ווי האָב איך דאָס געקאָנט וויסן? אַז ר'האָט פֿאָרט געהוילט ווי אַ צויג.



# Gimpel the Fool

I. BASHEVIS SINGER

1.

I AM GIMPEL THE FOOL. I don't think myself a fool. On the contrary. But that's what folks call me. They gave me the name while I was still in school. I had seven names in all: imbecile, donkey, flax-head, dope, glump, ninny, and fool. The last name stuck. What did my foolishness consist of? I was easy to take in. They said, "Gimpel, you know the rabbi's wife has been brought to childbed?" So I skipped school. Well, it turned out to be a lie. How was I supposed to know? She hadn't had a big belly. But I never looked at her belly. Was that really so foolish? The gang laughed and hee-hawed, stomped and danced and chanted a good-night prayer. And instead of the raisins they give when a woman's lying in, they stuffed my hand full of goat turds. I was no weakling. If I slapped someone he'd see all the way to Cracow. But I'm really not a slugger by nature. I think to myself, Let it pass. So they take advantage of me.

I was coming home from school and heard a dog barking. I'm not afraid of dogs, but of course I never want to start up with them. One of them may be mad, and if he bites there's not a Tartar in the world who can help you. So I made tracks. Then I looked around and saw the whole market place wild with laughter. It was no dog at all but Wolf-Leib the thief. How was I supposed to know it was he? It sounded like a howling bitch.

אַז די עכבראָשים האָבן דערשמעקט, אַז כ׳לאָז מיך נאַרן, האָט יעדער איינער געפּרוווט ס׳מזל. גימפּל, דער קייסער קומט קיין פֿראַמפּאָל; גימפּל, די לבֿנה איז אַראָפּגעפֿאַלן אין טורבין; גימפּל, האָדעלע שמויש האָט געפֿונען אַן אוצר הינטערן באָד. און איך, גולם, האָב געגלייבט. וואָרעם ערשטנס קאָן אַלץ טרעפֿן, ווי ס׳שטייט אין פּרק, כ׳געדענק שוין נישט ווי אַזוי. צווייטנס האָב איך שוין געמוזט גלייבן, אַז גאַנץ קהל פֿאַרלייגט זיך אויף אַ מענטש! טאָמער האָב איך אַ מאָל געפּרוווט זאָגן: ע, ס׳איז צופֿלײַסנס, איז געוואָרן אַ שווערעניש. אַלע זענען געוואָרן פֿײַער און פֿלאַם. סטײַטש, גלייבסט נישׁ׳ אַזאַ זאַך. האַלטסט גאַנץ פֿראַמפּאָל פֿאַר ליגנער. וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? כ׳האָב געגלייבט און זאָל די לצים ווויל באַקומען.

אַ יתום בין איך געווען. דער זיידע, וואָס האָט מיך געהאָדעוועט, האָט שוין געשמעקט צו דער ערד. בקיצור, מ׳האָט מיך אַוועקגעגעבן צו אַ בעקער. נו, פֿרעגט שוין נישׁ׳ וואָס דאָרט האָט זיך אָפּגעטאָן. יעדע מויד און יעדעס ווײַבל, וואָס איז געקומען אָפּבאַקן אַ בעקן קיכלעך אָדער טריקענען אַ בלעך פֿאַרפֿל, האָט מיך געמוזט כאָטש איין מאָל אָפּנאַרן. גימפּל, אויפֿן הימל איז אַ יריד. גימפּל, דער רבֿ האָט זיך אָפּגעקעלבט און געהאַט אַ זיבעלע. אַ קו איז געפֿלויגן איבערן דאַך און געלייגט מעשענע אייער. אַ מאָל קומט אַ ישיבֿה־בחור קויפֿן אַ פּלאַמפּלעצל און ער טוט אַ זאָג: דו, גימפּל, שאַרסט מיט דער לאָפּעטע און דרויסן איז געקומען משיח, ס׳איז תּחית־המתים. סטײַטש, זאָג איך, מ׳האָט דאָך נישט געהערט בלאָזן שופֿר. זאָגט ער: ביסט טויב? און אַלע נעמען שרײַען: מיר׳ן געהערט, געהערט. אַזוי ווי ער רעדט קומט רײַצע די ליכטציִערין און טוט אַ רוף מיט איר הייזעריק קול: גימפּל, דײַנע טאַטע־מאַמע זענען אויפֿגעשטאַנען פֿון קבֿר. זיי זוכן דיך אַרום. הלמאי זאָל איך זאָגן, כ׳האָב גאַנץ גוט געוווסט, אַז ס׳איז נישט געשטויגן נישט געפֿלויגן, אָבער פֿאָרט, מענטשן רעדן. כ׳האָב אָנגעטאָן דעם שפּענצער און גיי אַרויס. אפֿשר יאָ. וואָס פֿאַרליר איך דאָ? נו־נו, האָט מען מיר געמאַכט אַ קאַצן־מוזיק מיט אַ פּעקל. כ׳האָב געטאָן אַ נדר מער גאָרנישט צו גלייבן. האָט ווידער נישט געטויגט. מ׳האָט מיך אַזוי צעמישט, אַז כ׳האָב שוין נישט געוווסט ווו אײַן און ווו אויס. כ׳בין אַוועק צום רבֿ פֿרעגן אַן עצה. זאָגט ער: ס׳שטייט: בעסער זײַ אַ שוטה אַלע יאָרן איידער איין שעה אַ רשע. דו ביסט, זאָגט ער, נישׁ׳ קיין נאַר. די נאַראָנים זענען זיי, ווײַל אַז מ׳פֿאַר־שעמט דעם אַנדערן, פֿאַרלירט מען יענע וועלט. פֿון דעסט וועגן האָט מיך



When the pranksters and leg-pullers found that I was easy to fool, every one of them tried his luck with me. "Gimpel, the Czar is coming to Frampol; Gimpel, the moon fell down in Turbeen; Gimpel, little Hodel Furpiece found a treasure behind the bathhouse." And I like a *golem* believed everyone. In the first place, everything is possible, as it is written in the Wisdom of the Fathers, I've forgotten just how. Second, I had to believe when the whole town came down on me! If I ever dared to say, "Ah, you're kidding!" there was trouble. People got angry. "What do you mean! You want to call everyone a liar?" What was I to do? I believed them, and I hope at least that did them some good.

I was an orphan. My grandfather who brought me up was already bent toward the grave. So they turned me over to a baker, and what a time they gave me there! Every woman or girl who came to bake a pan of cookies or dry a batch of noodles had to fool me at least once. "Gimpel, there's a fair in heaven; Gimpel, the rabbi gave birth to a calf in the seventh month; Gimpel, a cow flew over the roof and laid brass eggs." A student from the yeshiva came once to buy a roll, and he said, "You, Gimpel, while you stand here scraping with your baker's shovel the Messiah has come. The dead have arisen." "What do you mean?" I said. "I heard no one blowing the ram's horn!" He said, "Are you deaf?" And all began to cry, "We heard it, we heard!" Then in came Reitze the candle-dipper and called out in her hoarse voice, "Gimpel, your father and mother have stood up from the grave. They're looking for you."

To tell the truth, I knew very well that nothing of the sort had happened, but all the same, as folks were talking, I threw on my wool vest and went out. Maybe something had happened. What did I stand to lose by looking? Well, what a cat music went up! And then I took a vow to believe nothing more. But that was no go either. They confused me so that I didn't know the big end from the small.

I went to the rabbi to get some advice. He said, "It is written, better to be a fool all your days than for one hour to be evil. You are not a fool. They are the fools. For he who causes his neighbor to feel shame loses Paradise himself." Nevertheless the rabbi's daughter took me in.

דעם רבֿס טאָכטער אָפּגענאַרט. אַז כ׳בין אַרויס פֿון בית־דין־שטוב, זאָגט זי: האָסט שוין געקושט די וואַנט? זאָג איך: ניין. צו וואָס? זאָגט זי: ס׳איז דאָ אַזאַ דין, אַז מ׳קומט צום רבֿ קושט מען די וואַנט. נו, מײַנסט האַלבן, האָב איך געטאָן אַ קוש אין בײַשטידל. ס׳קאָסט מיך טײַער? און זי טוט אַ בעטש אַרויס מיט אַ געלעכטער. באַוויזן אַ קונץ און געלייזט בײַ גימפּלען.

כ׳האָב שוין געוואָלט אַוועק אין אַן אַנדער שטאָט, אָבער דערווײַל האָט דער עולם מיר גענומען רעדן אַ שידוך. ס׳הייסט גערעדט? מ׳האָט מיר די פּאָלעס אָפּגעריסן. כ׳האָב געקריגן אַ וואַסער אין אויער. זי איז געווען אַ ווײַבל, האָט מען מיר אײַנגערעדט, אַז זי איז אַ מויד. זי האָט געהונקען אויף אַ פֿוס, האָט מען מיר אײַנגעשמועסט, אַז זי מאַכט זיך אַזוי, פֿון שווינקייט וועגן. זי האָט געהאַט אַ ממזר, האָבן זיי געזאָגט, אַז ס׳איז אַ ייִנגערער ברודער. כ׳האָב געשריגן: אומזיסט אײַערע רייד. כ׳על מיט דער הור צו דער חופּה נישט גיין. האָבן זיי געטענהט: אַז דו רעדסט שוין יאָ אַזוי שיין, וועט מען דיך נעמען צום רבֿ און וועסט צאָלן קנס, ווײַל האָסט געמאַכט אַ שם אַ ייִדישער טאָכטער. כ׳האָב געזען, אַז כ׳על שוין קיין גאַנצער פֿון זייערע הענט נישט אַרויס, טראַכט איך: מײַן כּפּרה איז עס. איך בין דער מאַנצביל, נישט זי. אויב ס׳איז איר ליב, איז מיר ניחא. צווייטנס, מ׳קאָן דאָך נישט שטאַרבן אין לײַבסערדאַקל. כ׳בין אַוועק צו איר אין ליימענעם הײַזל אויפֿן זאַמד, און די גאַנצע קאַפּעליע איז מיר נאָכגעגאַנגען, ווי אַ בערן־טרײַבער. ווען מ׳איז צוגעקומען צום ברונעם, האָבן זיי זיך פֿון דעסט וועגן אָפּגעשטעלט. מיט עלקען האָבן זיי מורא געהאַט אָנצוהייבן. זי האָט געהאַט אַ מײַלכל ווי אויף שרויפֿן. כ׳בין אַרײַן אינעווייניק. ס׳גאַנצע הויז איז געווען אַ שטיבל אָן אַ בריק. פֿון וואַנט צו וואַנט זענען געווען פֿאַרצויגן שטריק און ס׳האָט זיך געטריקנט וועש. זי איז געשטאַנען אַ באָרוועסע בײַ דער באַליע און געוואַשן גרעט. אָנגעטאָן איז זי געווען אין אַ באַרכאַטן קליידל. זי האָט געהאַט צוויי צעפּעלעך, ווי, להבֿדיל, אַ שיקסע, פֿאַרדרייט אין ביידע זײַטן אין קרענצלעך. ס׳האָט מיר אַזש פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם. זי האָט שוין, אַ פּנים, געוווּסט ווער כ׳בין, ווײַל זי טוט אויף מיר אַ קוק און זאָגט:

— סקאָצל קומט, ר׳איז דאָך דאָ, דער יאָלד. נעם אַ בענקל און ווער צעזעצט.



As I left the rabbinical court she said, "Have you kissed the wall yet?" I said, "No; what for?" She answered, "It's a law; you've got to do it after every visit." Well, there didn't seem to be any harm in it. And she burst out laughing. It was a fine trick. She put one over on me, all right.

I wanted to go off to another town, but then everyone got busy match-making, and they were after me so they nearly tore my coat tails off. They talked at me and talked until I got water on the ear. She was no chaste maiden, but they told me she was virgin pure. She had a limp, and they said it was deliberate, from coyness. She had a bastard, and they told me the child was her little brother. I cried, "You're wasting your time. I'll never marry that whore." But they said indignantly, "What a way to talk! Aren't you ashamed of yourself? We can take you to the rabbi and have you fined for giving her a bad name." I saw then that I wouldn't escape them so easily and I thought, They're set on making me their butt. But when you're married the husband's the master, and if that's all right with her it's agreeable to me too. Besides, you can't pass through life unscathed, nor expect to.

I went to her clay house, which was built on the sand, and the whole gang, hollering and chorusing, came after me. They acted like bear-baiters. When we came to the well they stopped all the same. They were afraid to start anything with Elka. Her mouth would open as if it were on a hinge, and she had a fierce tongue. I entered the house. Lines were strung from wall to wall and clothes were drying. Barefoot she stood by the tub, doing the wash. She was dressed in a worn hand-me-down gown of plush. She had her hair put up in braids and pinned across her head. It took my breath away, almost, the reek of it all.

Evidently she knew who I was. She took a look at me and said, "Look who's here! He's come, the drip. Grab a seat."

כ'האָב איר אַלץ דערציילט, גאָרנישט געלייקנט. זאָג מיר דעם אמת, זאָג איך, ביסטו אויף דער וואָר אַ בתולה און איז טאַקע דער יונג יחיאל מזיק דײַן ברודערל? מאַך ניש' אויס מיר קיין חוזק, זאָג איך, ווײַל כ'בין אַ יתום. כ'בין אויך אַ יתומה, ענטפֿערט זי, און ווער ס'מאַכט אויס דיר חוזק, דעם זאָל אָנוואַקסן אַ חוזק אויף דער נאָז. נאָר זאָל ק"קלע־קהל נישט מיינען, אַז מ'קאָן אײַן מיר האָבן ס'געוואַר. איך וויל, זאָגט זי, פֿופֿציק גילדן נדן און אַן אויסשטײַער. ווען נישט, קאָנען זיי מיר קושן אין ווי־הייסט־מען־עס (זי'ט גערעדט געמיינע רייד). זאָג איך: נדן גיט דאָך די כּלה, נישט דער חתן. זאָגט זי: דינג דיך ניש' מיט מיר. יאָ — יאָ, ניין — ניין, גיי פֿון וואַנען ביסט געקומען. כ'האָב שוין געמיינט, אַז ס'עט פֿון דעם טייג קיין ברויט ניש' זײַן, אָבער ס'איז נישטאָ קיין אָרעם קהל. מ'האָט איר אַלץ נאָכגעגעבן און מ'האָט געמאַכט אַ חתונה. ס'איז גראָד געווען אַן אונטערגאַנג פֿון לאַקסירעכץ און די חופּה האָט מען געשטעלט אויפֿן בית־עולם לעבן טהרה־שטיבל. די חבֿרה־לײַט האָבן זיך אָנגעשיכּורט. בײַם שרײַבן די כּתובֿה הער איך ווי דער דיין פֿרעגט: איז די כּלה אַ גרושה, אָדער אַן אַלמנה? ביידע, ענטפֿערט די גבאיטע. ס'איז מיר געוואָרן פֿינצטער אין די אויגן, אָבער וואָס האָב איך געקאָנט טאָן? אַנטלויפֿן פֿון אונטער דער חופּה?

מ'האָט אָפּגעשפּילט און אָפּגעטאַנצט. אַ באָבע האָט מיר אַקעגנגעטאַנצט מיט אַ קוילעטש. דער בדחן האָט געמאַכט אַן אל מלא רחמים. חדר־ייִנגלעך האָבן געוואָרפֿן שטעכלקעס, ווי תשעה־באָבֿ. ס'איז געפֿאַלן אַ סך דרשה־געשאַנק: אַ לאָקשנברעט, אַ מולטער, אַ שאַף, בעזעמער, קאָכלעפֿל, אַ גאַנצע באַלעבאַטישקייט. כ'טו אַ קוק: צוויי יונגען טראָגן אַ וויג. וואָס עפּעס אַ וויג? פֿרעג איך. זאָגט מען מיר: זאָל דיר דער קאָפּ נישט דאַרן. ס'איז רעכט. ס'עט צו ניץ קומען. כ'האָב שוין געזען, אַז מ'האָט מיך געפֿירט אין באָד אַרײַן. אָבער צוריקגעשמועסט, וואָס האָב איך דאָ פֿאַרלוירן? כ'האָב מיר געקלערט: כ'על אָפּוואַרטן און זען ס'גרייטע. אַ גאַנצע שטאָט איז דאָך נישט משוגע.



I told her all; I denied nothing. "Tell me the truth," I said, "are you really a virgin, and is that mischievous Yechiel actually your little brother? Don't be deceitful with me, for I'm an orphan."

"I'm an orphan myself," she answered, "and whoever tries to twist you up, may the end of his nose take a twist. But don't let them think they can take advantage of me. I want a dowry of fifty guilders, and let them take up a collection besides. Otherwise they can kiss my you-know-what." She was very plainspoken. I said, "It's the bride and not the groom who gives a dowry." Then she said, "Don't bargain with me. Either a flat 'yes' or a flat 'no'—go back where you came from."

I thought, No bread will ever be baked from *this* dough. But ours is not a poor town. They consented to everything and proceeded with the wedding. It so happened that there was a dysentery epidemic at the time. The ceremony was held at the cemetery gates, near the little corpse-washing hut. The fellows got drunk. While the marriage contract was being drawn up I heard the most pious high rabbi ask, "Is the bride a widow or a divorced woman?" And the sexton's wife answered for her, "Both a widow and divorced." It was a black moment for me. But what was I to do, run away from under the marriage canopy?

There was singing and dancing. An old granny danced opposite me, hugging a braided white *chalah*. The master of revels made a "God 'a mercy" in memory of the bride's parents. The schoolboys threw burrs, as on *Tishe b'Av* fast day. There were a lot of gifts after the sermon: a noodle board, a kneading trough, a bucket, brooms, ladles, household articles galore. Then I took a look and saw two strapping young men carrying a crib. "What do we need this for?" I asked. So they said, "Don't rack your brains about it. It's all right, it'll come in handy." I realized I was going to be rooked. Take it another way though, what did I stand to lose? I reflected, I'll see what comes of it. A whole town can't go altogether crazy.

ביי נאכט בין איך געקומען צום ווייבס געלעגער, אבער זי לאזט מיך נישט אריין. סטייטש, זאג איך, דערויף האבן מיר חתונה געהאט? זאגט זי: כ׳בין טריף געווארן. ס׳הייסט, טענה איך, מ׳האט דאך ערשט נעכטן דיך געפירט מיט כלי־זמר אין מיקווה אריין. זאגט זי: היינט איז ניש׳ נעכטן און נעכטן איז ניש׳ היינט. אויב ס׳געפעלט דיר נישט, נעם ס׳פעקל. בקיצור, כ׳האב געווארט. ס׳גייט נישט אוועק פיר חדשים און מיינע נעמט גיין צו קינד. גאנץ פראמפאל האט געלאכט אין די פויסטן אריין, אבער וואס האב איך געקאנט טאן? זי איז פארט געלעגן אין יסורים. זי האט געריסן די ווענט. גימפל, שרייט זי, כ׳בין פארביי. זיי מיר מוחל! די שטוב איז געווארן פול מיט ווייבער. מ׳האט געטראגן טעפ וואסער, ווי צו טהרה. די געוואלדן זענען געגאנגען צום הימל. הכלל, כ׳בין אוועק אין בית־מדרש זאגן תהילים.

מער האבן די ווילע־יונגען נישט געדארפט. איך בין געשטאנען אין א ווינקל און געבעטן גאט, און זיי האבן אויף מיר געשאקלט מיט די קעפ. זאג, האבן זיי מיר אונטערגעגעבן חשק, פון זאגן ווערט מען ניש׳ טראגן. איינער א שנעק האט מיר דערלאנגט א שטרויוויש צום מויל: א בהמה דארף עסן שטרוי. כלעבן, ר׳איז גערעכט געווען אויך.

זי איז צום מזל געלעגן געווארן און געהאט א בן־זכר. פרייטאג צו נאכט טוט דער שמש א שפאן ארויף אויפן באלעמער, דערלאנגט א קלאפ אין שולחן און רופט אויס: הנגיד ר׳ גימפל פארבעט דעם גאנצן עולם אויף א שלום־זכר. ס׳גאנצע בית־מדרש האט געלאכט. ס׳פנים איז מיר פארפאטשט געווארן. אבער וואס האב איך געקאנט טאן? כ׳בין פארט געווען דער בעל־ברית. ס׳איז זיך אנגעלאפן א האלבע שטאט. מ׳האט קיין שפילקע נישט געקאנט אריינשטעקן. ווייבער האבן געבראכט געפעפערטע ארבעס און מ׳האט געקריגן פון שענק א פעסעלע ביר. כ׳האב געגעסן און געטרונקען גלייך מיט אלעמען און מ׳האט מיר געווונטשן מזל־טוב. דערנאך האט מען געמאכט א ברית און כ׳האב א נאמען געטאן דעם יינגל נאך מיין טאטן עליו־השלום. אז אלע זענען אוועק און איך בין געבליבן מיט דער געווינערין אליין, האט זי ארויסגעשטעקט דעם קאפ פון פארהאנג און מיך צוגערופן צום בעט. גימפל, זאגט זי, וואס שווייגסטו? א שיף מיט זויערמילך איז דיר אונטערגעגאנגען? וואס זאל איך רעדן, זאג איך, שיין האסטו מיר





At night I came where my wife lay, but she wouldn't let me in. "Say, look here, is this what they married us for?" I said. And she said, "My *monthly has come.*" *"But yesterday they took you to the ritual bath, and that's afterward, isn't it supposed to be?"* "Today isn't yesterday," said she, "and yesterday's not today. You can beat it if you don't like it." In short, I waited.

Not four months later she was in childbed. The townsfolk hid their laughter with their knuckles. But what could I do? She suffered intolerable pains and clawed at the walls. "Gimpel," she cried, "I'm going. Forgive me!" The house filled with women. They were boiling pans of water. The screams rose to the welkin.

The thing to do was to go to the House of Prayer to repeat Psalms, and that was what I did.

The townsfolk liked that, all right. I stood in a corner saying Psalms and prayers, and they shook their heads at me. "Pray, pray!" they told me. "Prayer never made any woman pregnant." One of the congregation put a straw to my mouth and said, "Hay for the cows." There was something to that too, by God!

She gave birth to a boy. Friday at the synagogue the sexton stood up before the Ark, pounded on the reading table, and announced, "The wealthy Reb Gimpel invites the congregation to a feast in honor of the birth of a son." The whole House of Prayer rang with laughter. My face was flaming. But there was nothing I could do. After all, I *was* the one responsible for the circumcision honors and rituals.

Half the town came running. You couldn't wedge another soul in. Women brought peppered chick-peas, and there was a keg of beer from the tavern. I ate and drank as much as anyone, and they all congratulated me. Then there was a circumcision, and I named the boy after my father, may he rest in peace. When all were gone and I was left with my wife alone, she thrust her head through the bed-curtain and called me to her.

"Gimpel," said she, "why are you silent? Has your ship gone and sunk?"

אפגעטאן. ווען מײַן מאמע וואלט דאס דערלעבט, וואלט זי נאך א מאל געשטארבן. זאגט זי: ביסט מטורף אדער וואס? סטײַטש, זאג איך, ווי מאכט מען דאס א מאנצביל אזוי צום נאר? וואס טוט זיך מיט דיר? פרעגט זי. וואס האסטו דיר ארײַנגענומען אין קאפ ארײַן? כ׳האב געזען, אז כ׳מוז מיט איר רעדן אפענע דיבורים, זאג איך: אזוי טוט מען מיט א יתום? א ממזר האסטו געבוירן. זאגט זי: שלאג דיר ארויס פון זין די נארישקייטן.

ס׳איז דײַן קינד. ווי אזוי איז דאס מײַן קינד, טענה איך, אז האסט עס געהאט זיבעצן וואכן נאך דער חתונה? דערציילט זי מיר א מעשה, אז ס׳איז א זיבעלע. זאג איך: א זיבעלע איז נישט קיין פינפטל. נעמט זי טענהן באשר זי האט געהאט א באבען, האט זי אין גאנצן געטראגן פינף חדשים און זי גערעט אין איר ארײַן ווי צוויי טראפנס וואסער. זי שווערט דערבײַ מיט אזוינע שבועות, אז מ׳וואלט געקאנט גלייבן א גוי אויפן יריד. דעם אמת געזאגט, האב איך נישט געגלייבט; אבער אז כ׳האב מארגן איבערגערעדט מיט א מלמד, האט ער מיר געזאגט אז אזא זאך ווערט געבראכט אין דער גמרא. אדם און חוה זענען ארויף אויפן בעט צוויי און אראפ זענען זיי פיר. נו, זאגט ער, יעדער אישה איז דער מוטער חווהס אן אוראייניקל, און וואס איז עלקע ערגער פון חווהן? אזוי צי אזוי, מ׳האט מיר פארערדט די ציין. און צוריקגעשמועסט, ווער ווייסט? אט זאגט מען דאך, אז ס׳יויזל האט אין גאנצן קיין טאטן נישט געהאט.

כ׳האב שוין אנגעהויבן פארגעסן מײַן בראך. כ׳האב ליב געהאט ס׳קינד א געוואלד און ער האט מיך אויך ליב געהאט. ווי נאר ר׳האט מיך דערזען, אזוי האט ער אנגעהויבן מאכן מיט די הענטלעך, כ׳זאל אים נעמען. אז ר׳האט זיך געריסן אדער זיך פארקײַכט, האט אים קיינער נישט געקאנט אײַנשטילן אחוץ מיר. כ׳האב אים געקויפט א ביינערן בייגעלע, א קאפעלע געליישט מיט גאלד. יעדן מאנטאג און דאנערשטאג האט מען אים געטאן א בייז אויג און כ׳בין געלאפן אפשפרעכן. געארבעט האב איך דעמאלט ווי אן אקס. אז ס׳איז דא אן עופעלע אין הויז, איז ס׳באדערפעניש גרעסער. הלמאי זאל איך ליגן זאגן? כ׳האב זי, עלקען, אויך נישט פײַנט געהאט.



"What shall I say?" I answered. "A fine thing you've done to me! If my mother had known of it she'd have died a second time."

She said, "Are you crazy, or what?"

"How can you make such a fool," I said, "of one who should be the lord and master?"

"What's the matter with you?" she said. "What have you taken it into your head to imagine?"

I saw that I must speak bluntly and openly. "Do you think this is the way to use an orphan?" I said. "You have borne a bastard."

She answered, "Drive this foolishness out of your head. The child is yours."

"How can he be mine?" I argued. "He was born seventeen weeks after the wedding."

She told me then that he was premature. I said, "Isn't he a little too premature?" She said she had had a grandmother who carried just as short a time and she resembled this grandmother of hers as one drop of water does another. She swore to it with such oaths that you would have believed a peasant at the fair if he had used them. To tell the plain truth, I didn't believe her; but when I talked it over next day with the schoolmaster he told me that the very same thing had happened to Adam and Eve. Two they went up to bed, and four they descended.

"There isn't a woman in the world who is not the granddaughter of Eve," he said.

That was how it was—they argued me dumb. But then, who really knows how such things are?

I began to forget my sorrow. I loved the child madly, and he loved me too. As soon as he saw me he'd wave his little hands and want me to pick him up, and when he was colicky I was the only one who could pacify him. I bought him a little bone teething ring and a little gilded cap. He was forever catching the evil eye from someone, and then I had to run to get one of those abracadabras for him that would get him out of it. I worked like an ox. You know how expenses go up when there's an infant in the house. I don't want to lie about it; I didn't dis- like Elka either, for that matter. She swore at me and cursed, and

זי האָט מיך געזידלט און געשאָלטן און איך בין איר געקראָכן אונטער די נעגל. אוי, האָט זי געהאַט אַ כּוח! אַז זי האָט אויף דיר אַ קוק געטאָן מיט איר קוקעלע, ביסטו געוואָרן אַ געפּלעפּטער. הײַנט אירע ריידעלעך! זי שיט מיט פּעך און שוועבל און ס'איז מלא־חן, אויסצוקושן יעדעס וואָרט. זי קריכט דיר אַרײַן אין דער זיבעטער ריפּ און דו ליגסט אויפֿן פּיעקעליק אין געהאַקטע ווונדן און ווילסט נאָך. עלעהיי אַ געבראָטנס. אין אָוונט האָב איך איר אַחוץ ברויט געבראַכט אַ חלה, וואָס כ'האָב אייגנס אָפּגעבאַקן פֿאַר אירעט וועגן, און אַ פּאָר זעמעלעך. כ'בין צוליב איר געוואָרן אַ גנבֿ און געלקחנט וואָס כ'האָב נאָר געקענט: דאָ אַ שטיקל קוכן און דאָרט אַ מאַקאַ־ראָנדל, פֿון דאַנען אַ ראָזשינקע און פֿון דאָרט אַ מאַנדל. ס'זאָל מיר צו קיין גנאי נישט זײַן: כ'פֿלעג עפּענען שבת טשאָלנטער און אַרויסנעמען אַ פּאָדעם פֿלייש, אַ פּיצל קוגל, אַ קעפּל, אַ פֿיסל, אַ שטיקל קישקע, וואָס ס'האָט זיך געלאָזט. זי האָט געגעסן און געוואָרן שיין און פֿעט. אַ גאַנצע וואָך האָב איך נישט גענעכטיקט אין דער היים. פֿרייטאָג צו נאַכט פֿלעג איך קומען צו איר, נאָר זי האָט אַלע מאָל געהאַט אַן אויסרייד. דאָ האָט איר געברענט אונטערן לעפֿעלע און דאָ האָט זי געשטאָכן אין דער זײַט; דאָ האָט זי געהאַט אַ שלוקעכץ און דאָ אַ קאָפּווייטאָג. הײַנט די ווײַבערשע שאלות! פֿרעגט נישט, כ'בין אויסגעריסן געוואָרן. דערצו איז דער ברודער אירער, דער ממזר, אונטערגעוואַקסן. ער האָט מיך געשלאָגן און אַז איך האָב געוואָלט צוריקטאָן, האָט זי דערלאַנגט אַ מענה־לשון, אַז ס'איז מיר גרין געוואָרן פֿאַר די אויגן. צען מאָל אין טאָג האָט זי מיר געוואָרפֿן דעם גט פֿאַר די פֿיס. אַן אַנדערער אויף מײַן אָרט וואָלט אַנטלאָפֿן ווו דער שוואַרצער פּעפּער וואַקסט; אָבער איך בין בטבֿע אַ פֿאַרשוויַגער. נו, הכּלל, וואָס זאָל מען טאָן? אַז גאָט גיט פּלייצעס, מוז מען שלעפּן דעם פּאַק.

אין איינער אַ נאַכט האָט געטראָפֿן אין דער בעקערײַ אַ צרה: דער אויוון האָט געפּלאַצט און ס'איז שיִער נישט געוואָרן אַ שׂרפֿה. אַזוי ווי כ'האָב נישט געהאַט וואָס צו טאָן, בין איך מיר אַוועק אַהיים. לאָמיך, טראַכט איך, אויך אַ מאָל פֿאַרזוכן דעם טעם פֿון שלאָפֿן אין בעט אין אַ מיטן מיטוואָך. כ'האָב נישט געוואָלט אויפֿוועקן ס'פּיצעלע און בין אַרײַן אין דער שטיל, אויף די שפּיץ פֿינגער. כ'קום אַרײַן אין מײַן שטיבל און עפּעס הער איך אַ טאָפּלט שנאָרכן. איין שנאָרך אַ דינער און דער אַנדערער — ווי פֿון אַ געקוילעטן אָקס. די מעשׂה איז מיר באַלד נישט געפֿעלן. כ'גיי צו צום



couldn't get enough of her. What strength she had! One of her looks could rob you of the power of speech. And her orations! Pitch and sulphur, that's what they were full of, and yet somehow also full of charm. I adored her every word. She gave me bloody wounds though.

In the evening I brought her a white loaf as well as a dark one, and also poppyseed rolls I baked myself. I thieved because of her and swiped everything I could lay hands on, macaroons, raisins, almonds, cakes. I hope I may be forgiven for stealing from the Saturday pots the women left to warm in the baker's oven. I would take out scraps of meat, a chunk of pudding, a chicken leg or head, a piece of tripe, whatever I could nip quickly. She ate and became fat and handsome.

I had to sleep away from home all during the week, at the bakery. On Friday nights when I got home she always made an excuse of some sort. Either she had heartburn, or a stitch in the side, or hiccups, or headaches. You know what women's excuses are. I had a bitter time of it. It was rough. To add to it, this little brother of hers, the bastard, was growing bigger. He'd put lumps on me, and when I wanted to hit back she'd open her mouth and curse so powerfully I saw a green haze floating before my eyes. Ten times a day she threatened to divorce me. Another man in my place would have taken French leave and disappeared. But I'm the type that bears it and says nothing. What's one to do? Shoulders are from God, and burdens too.

One night there was a calamity in the bakery; the oven burst, and we almost had a fire. There was nothing to do but go home, so I went home. Let me, I thought, also taste the joy of sleeping in bed in mid-week. I didn't want to wake the sleeping mite and tiptoed into the house. Coming in, it seemed to me that I heard not the snoring of one but, as it were, a double snore, one a thin enough snore and the other like the snoring of a slaughtered ox. Oh, I didn't like that! I didn't like

בעט און ס'ווערט מיר פֿינצטער אין די אויגן; לעבן עלקען ליגט אַ מאַנצביל. אַן אַנדערער אויף מײַן אָרט וואָלט געמאַכט אַ געשריי, אַז אַ האַלבע שטאָט וואָלט זיך צונויפֿגעלאָפֿן; אָבער איך האָב געטראַכט: צו וואָס איבערוועקן ס'קינד? וואָס איז דאָס שוועלבעלע נעבעך שולדיק? מילא כ'בין צוריק אַוועק אין דער בעקערײַ און זיך אַוועקגעלייגט אויף די זעק מעל. כ'האָב ביז פֿאַר טאָג נישט געקאָנט קיין אויג צוטאָן. ס'האָט מיך געוואָרפֿן ווי אין קדחת. גענוג, טראַכט איך, געווען אַן אייזל. גימפּל וועט זיך מער נישט לאָזן אָנפּײַפֿן אַן אויער. צו גימפּלס נאַרישקייטן איז אויך דאָ אַ גרענעץ.

אין דער פֿרי בין איך אַוועק צום רבֿ פֿרעגן אַ שאלה. אין שטעטל איז געוואָרן אַ האַרמידער. מ'האָט גלײַך געשיקט נאָך איר דעם שמש. מײַן ווײַב איז געקומען מיטן קינדעלע אויף די הענט. און וואָס, מיינט איר, האָט זי געטאָן? געלייקנט שטיין און ביין. ר'איז, זאָגט זי, פֿון זינען אַראָפּ. כ'ווייס נישט פֿון קיין פּיתרון און פֿון קיין חלום. מ'האָט אויף איר געשריגן, זי געוואָרנט, געקלאַפּט אין טיש, נאָר זי בלײַבט בײַם איריקן: מ'מאַכט אויף איר אַ פֿאַלשן בילבול. די קצבֿים און די פֿערדהענדלער האָבן זיך געשטעלט אויף איר צד. אַ קײַלעריונג קומט צו מיר צו און זאָגט מיר: ביסט בײַ אונדז אַ געצעטלטער. דערווײַל האָט ס'קינד זיך גענומען רײַסן און זיך נעבעך אײַנגעריכט. אין בית־דין־שטוב איז געשטאַנען אַן אָרון־קודש און מ'האָט זי אַוועקגעשיקט.

איך זאָג צום רבין: וואָס זאָל איך טאָן? זאָגט ער: מוזסט זי באַלד גטן. און אַז זי'ט נישט נעמען קיין גט? פֿרעג איך. זאָגט ער: וועסטו איר אָנהענגען. זאָג איך: גוט, רבי, כ'על מיך איבערקלערן. ס'איז נישטאָ וואָס צו קלערן, זאָגט דער רבֿ, טאָרסט מיט איר נישט זײַן אונטער איין באַלקן. און אַז כ'על װעלן זען ס'קינד? — פֿרעג איך. דאַרפֿסט נישט זען ס'קינד, זאָגט דער רבֿ, זאָל זי גיין, די זונה, צוזאַמען מיט אירע ממזרים! ער גיט אַרויס אַ פּסק, אַז כ'טאָר אַפֿילו איר שוועל נישט איבער־טרעטן. קיין מאָל נישט. ווי לאַנג כ'על לעבן.

בײַ טאָג האָט עס מיך אַזוי נישט געאַרט. מילא נו, טראַכט איך, דער בלאָטער האָט געמוזט פּלאַצן. אָבער בײַ נאַכט, אַז כ'האָב מיך אַוועקגעלייגט אויף די זעק, איז מיר געוואָרן ביטער. אַ בענקשאַפֿט האָט מיך אָנגעכאַפּט צו איר און צום קינד. כ'האָב געוואָלט זײַן אויף איר בייז, נאָר דאָס איז מײַן אומגליק: כ'קאָן נישט זײַן בייז. ערשטנס, טראַכט איך, מאַלע אַ מענטש



it at all. I went up to the bed, and things suddenly turned black. Next to Elka lay a man's form. Another in my place would have made an uproar, and enough noise to rouse the whole town, but the thought occurred to me that I might wake the child. A little thing like that—why frighten a little swallow like that, I thought. All right then, I went back to the bakery and stretched out on a sack of flour, and till morning I never shut an eye. I shivered as if I had had malaria. "Enough of being a donkey," I said to myself. "Gimpel isn't going to be a sucker all his life. There's a limit even to the foolishness of a fool like Gimpel."

In the morning I went to the rabbi to get advice, and it made a great commotion in the town. They sent the beadle for Elka right away. She came, carrying the child. And what do you think she did? She denied it, denied everything, bone and stone! "He's out of his head," she said. "I know nothing of dreams or divinations." They yelled at her, warned her, hammered on the table, but she stuck to her guns: it was a false accusation, she said.

The butchers and the horse-traders took her part. One of the lads from the slaughterhouse came by and said to me, "We've got our eye on you, you're a marked man." Meanwhile the child started to bear down and soiled itself. In the rabbinical court there was an Ark of the Covenant, and they couldn't allow that, so they sent Elka away.

I said to the rabbi, "What shall I do?"

"You must divorce her at once," said he.

"And what if she refuses?" I asked.

He said, "You must serve the divorce, that's all you'll have to do."

I said, "Well, all right, Rabbi. Let me think about it."

"There's nothing to think about," said he. "You mustn't remain under the same roof with her."

"And if I want to see the child?" I asked.

"Let her go, the harlot," said he, "and her brood of bastards with her."

The verdict he gave was that I mustn't even cross her threshold—never again, as long as I should live.

During the day it didn't bother me so much. I thought, It was bound to happen, the abscess had to burst. But at night when I stretched out upon the sacks I felt it all very bitterly. A longing took me, for her and for the child. I wanted to be angry, but that's my misfortune exactly, I don't have it in me to be really angry. In the first place—this was how my thoughts went—there's bound to be a slip sometimes. You can't

באנארישט זיך. מסתמא האט דער יונגאטש געמאכט צו איר אן אייגל, אפשר איר געגעבן א מתנה, און א נקבה האט לאנגע האר און א קורצן שכל, האט ער זי איבערגערעדט. צווייטנס, אז זי לייקנט אזוי, אפשר איז עס געווען א פארבלענדעניש? ס'טרעפט א מאל מ'זעט עפעס א געשטאלט, צי א מענטשעלע, נאר אז קומסט צו נאענט, לאזט זיך אויס א טײַך. אויב אזוי, געשעט דאך איר אן עוולה. ווי כ'טראכט אזוי, הייב איך אן צו וויינען. כ'האב אזוי געהעשעט, אז ס'מעל איז נאס געווארן. צו מארגנס אין דער פרי בין איך אוועק צום רב און געזאגט, אז כ'האב געהאט א טעות. דער רב האט פארשריבן מיט א גענדזענער פען און געענטפערט, אז ער וועט שיקן א שאלת־תשובה. ביז דעמאלט טאר איך מיך צום ווײַב נישט דערנענטערן. אבער כ'האב געמעגט איר שיקן מיט א שליח געבעקס און געלט אויף איר אויסקומעניש.

ג

דרײַ פערטל יאר האט געדויערט ביז די רבנים זענען צווישן זיך דורכגעקומען. בריוו זענען געגאנגען אהין און צוריק. כ'האב נישט געוווסט, אז מ'קען לערנען אזוי פיל תורה וועגן אזא זאך. אין דער צײַט האט עלקע אויסגעטראגן און געהאט נאך א קינד. ס'איז דאס מאל געווען א מיידל. כ'בין שבת געווען אין שול און געמאכט דער האבערין א מי שברך. מ'האט מיך אויפגערופן צום ספר און כ'האב געגעבן א נאמען, נאך מײַן שוויגער עליה־השלום. די באדיונגען, וואס זענען ארײַנגעקומען אין דער בעקערײַ, האבן געהאט וואס צו דרעשן מיט די צינגער. גאנץ פראמפאל האט זיך געקוויקט מיט מײַן שאנד. אבער איך האב בײַ מיר אפגעפאסט פון הײַנט אן אלץ צו גלייבן. וואס קומט ארויס אז דו גלייבסט נישט? הײַנט גלייבסטו ניש' דעם ווײַב, מארגן וועסטו נישט גלייבן אין גאט. כ'האב איר יעדן טאג געשיקט מיט א גזעל, וואס האט געווינט אין שכנות, א קארנברייטל, א ווייצנברייטל און א מאל צוגעלייגט א שטריצל, א פלעצל, א פאר אייער־בייגעלעך, און אז ס'האט זיך גראד געמאכט: א שטיקל באבעלע, א פענעץ לעקעך, א קיכל, א רעפטל פלאדן, וואס ס'איז ארײַנגעפאלן. דער גזעל איז געווען א גוטהארציקער יונג. ער האט איר נישט איין מאל צוגעלייגט געבעקס פון זײַן חלק. פריער פלעגט ער זיך טשעפען צו מיר, מיר שנעלן אין דער נאז, שטארכן אין די זײַטן, אבער זינט ר'איז געווארן אן ארײַנגייער אין מײַן שטוב, איז ער געווען ווי צו א מכה צוצולייגן. העי, דו, גימפל, האט ער מיר



live without errors. Probably that lad who was with her led her on and gave her presents and what not, and women are often long on hair and short on sense, and so he got around her. And then since she denies it so, maybe I was only seeing things? Hallucinations do happen. You see a figure or a mannikin or something, but when you come up closer it's nothing, there's not a thing there. And if that's so, I'm doing her an injustice. And when I got so far in my thoughts I started to weep. I sobbed so that I wet the flour where I lay. In the morning I went to the rabbi and told him that I had made a mistake. The rabbi wrote on with his quill, and he said that if that were so he would have to reconsider the whole case. Until he had finished I wasn't to go near my wife, but I might send her bread and money by messenger.

3.

Nine months passed before all the rabbis could come to an agreement. Letters went back and forth. I hadn't realized that there could be so much erudition about a matter like this.

Meantime Elka gave birth to still another child, a girl this time. On the Sabbath I went to the synagogue and invoked a blessing on her. They called me up to the Torah, and I named the child for my mother-in-law, may she rest in peace. The louts and loudmouths of the town who came into the bakery gave me a going over. All Frampol refreshed its spirits because of my trouble and grief. However, I resolved that I would always believe what I was told. What's the good of *not* believing? Today it's your wife you don't believe; tomorrow it's God Himself you won't take stock in.

By an apprentice who was her neighbor I sent her daily a corn or a wheat loaf, or a piece of pastry, rolls or bagels, or, when I got the chance, a slab of pudding, a slice of honeycake, or wedding strudel—whatever came my way. The apprentice was a goodhearted lad, and more than once he added something on his own. He had formerly annoyed me a lot, plucking my nose and digging me in the ribs, but when he started to be a visitor to my house he became kind and friendly. "Hey, you, Gimpel," he said to me, "you have a very decent

געזאָגט, האָסט אַ ווײַל ווײַבל און צוויי פֿײַנע קינדערלעך. ביסט זיי אָסור
ניש׳ ווערט. וואָס זאָגסטו דערצו וואָס לײַט רעדן? — האָב איך אים געפֿרעגט.
מענטשן האָבן לאַנגע צינגער, מאַטלען זיי — האָט ער געענטפֿערט — זאָל
עס דיך אַרן ווי דער פֿאַריעריקער פֿראָסט.

אין איינעם אַ טאָג האָט דער רבֿ געשיקט נאָך מיר און ער זאָגט:
ביסט זיכער, גימפּל, אַז האָסט געהאַט אַ טעות? זאָג איך: אַוודאי, רבי.
סטײַטש, זאָגט ער, האָסט דאָך אַליין געזען. ס׳האָט געמוזט זײַן אַ שאָטן,
זאָג איך. אַ שאָטן, פֿרעגט ער, פֿון וואָס? און איך ענטפֿער: פֿון אַ באַלקן.
נו, זאָגט ער, קאָנסט צוריקגיין אַהיים. האָסט אַלץ צו פֿאַרדאַנקען דעם
יאַנעווער רבֿ. ער האָט געפֿונען אַ פֿאַרוואָרפֿענעם רמב״ם. איך האָב אַ כאַפּ
געטאָן דעם רבינס האַנט און אַ קוש געטאָן. אין אָנהייב האָב איך געוואָלט
גלײַך אַהיימלויפֿן. אַ קלייניקייט, מ׳זעט נישט אַ ווײַב און קינדער אַזוי
לאַנג. דערנאָך טראַכט איך: איכ׳ל בעסער זיך אומקערן צו דער אַרבעט
און אַהיימגיין בײַ נאַכט. איך האָב קיינעם נישט געזאָגט קיין וואָרט, נאָר
אין האַרץ איז געווען יום־טובֿ. די מוידן און די ווײַבלעך האָבן, ווי יעדן
טאָג, זיך געדרייצט מיט מיר און געמאַכט אויס מיר ס׳געשפּעט, נאָר איך
טראַכט מיר: רעדט אויפֿגעאַרטלדיק. דער אמת איז אַרויס ווי בוימל אויפֿן
וואַסער. אַז דער רמב״ם זאָגט כשר, איז כשר.

בײַ נאַכט, נאָך דעם ווי כ׳האָב צוגעדעקט ס׳טייג ס׳זאָל יוירן, נעם איך
מיר מײַן פּאָרציע ברויט, שיט אָן אַ זעקעלע מיט געבײַטלט מעל און לאָז
מיך גיין אַהיים. אין הימל שטייט אַ פֿולע לבֿנה און די שטערן פֿינקלען
סכּנת־נפֿשות. איך שפּאַן און פֿאַרויס לויפֿט אַ לאַנגער שאָטן. ס׳איז געווען
ווינטער און אַ פֿרישער שניי איז געהאַט אָנגעפֿאַלן. מיר ווילט זיך זינגען,
נאָר ס׳איז שוין שפּעטלעך און כ׳על נישט גיין אויפֿוועקן די באַלעבאַטים.
כ׳וויל פֿײַפֿן, נאָר דאָ דערמאָן איך מיך, אַז מ׳טאָר נישט פֿײַפֿן קעגן נאַכט
צו, ווײַל מ׳רופֿט די שדים. שווײַג איך און שפּרײַז אַזוי גיך ווי כ׳קאָן. הינט
אין די גוייִשע הייף דערהערן מײַנע טריט און בילן אויף מיר, נאָר איך
קלער מיר: שרײַט אויף די ציין. איר זענט כּלבֿים און איך בין אַ מענטש,
אַ מאַן פֿון אַ לײַטיש ווײַבל, אַ טאַטע פֿון געראָטענע קינדערלעך.



little wife and two fine kids. You don't deserve them."

"But the things people say about her," I said.

"Well, they have long tongues," he said, "and nothing to do with them but babble. Ignore it as you ignore the cold of last winter."

One day the rabbi sent for me and said, "Are you certain, Gimpel, that you were wrong about your wife?"

I said, "I'm certain."

"Why, but look here! You yourself saw it."

"It must have been a shadow," I said.

"The shadow of what?"

"Just of one of the beams, I think."

"You can go home then. You owe thanks to the Yanover rabbi. He found an obscure reference in Maimonides that favored you."

I seized the rabbi's hand and kissed it.

I wanted to run home immediately. It's no small thing to be separated for so long a time from wife and child. Then I reflected, I'd better go back to work now, and go home in the evening. I said nothing to anyone, although as far as my heart was concerned it was like one of the Holy Days. The women teased and twitted me as they did every day, but my thought was, Go on, with your loose talk. The truth is out, like the oil upon the water. Maimonides says it's right, and therefore it is right!

At night, when I had covered the dough to let it rise, I took my share of bread and a little sack of flour and started homeward. The moon was full and the stars were glistening, something to terrify the soul. I hurried onward, and before me darted a long shadow. It was winter, and a fresh snow had fallen. I had a mind to sing, but it was growing late and I didn't want to wake the householders. Then I felt like whistling, but remembered that you don't whistle at night because it brings the demons out. So I was silent and walked as fast as I could.

Dogs in the Christian yards barked at me when I passed, but I thought, Bark your teeth out! What are you but mere dogs? Whereas I am a man, the husband of a fine wife, the father of promising children.

איך קום צו צו מיין הייזל און ס'הארץ נעמט מיר קלאפן ווי ביי א גזלן. כ'האב גישט קיין פחד, נאר ס'הארץ זעצט: בוך, בוך... נו, פארפאלן. כ'עפן אויף שטילערהייט ס'קייטל פון דער טיר און קום אריין. עלקע שלאפט שוין. כ'בלייב שטיין און טו א קוק אויף דער וויג. דער לאדן איז פארמאכט, אבער דורך די שפאלטן שיינט אריין די לבנה. כ'זע דאס קליינע פנימל פון דעם מיידעלע און כ'קריג עס גלייך ליב. אט אזוי, מיט איין מאל. כ'וואלט איר שוין געקאנט אויסקושן אלע ביינדעלעך. דערנאך דערנענטער איך מיך צום בעט. און וואס, א שטייגער, זע איך דארט? עלקע ליגט און לעבן איר — דער גזועל. די לבנה האט זיך מיט איין מאל אויסגעלאשן. פאר די אויגן איז מיר פינצטער חושך. העגט און פיס ציטערן מיר. די ציין נעמען מיר פויקן. ס'ברויט טוט מיר א פאל ארויס פון די הענט. מיין ווייב וועקט זיך איבער און פרעגט: ווער איז דארט, הא?...

— דאס בין איך — מורמל איך.

— גימפל? — פרעגט זי — ווי נעמסטו דיך עפעס אהער? דו מעגסט דען?... דער רב האט געהייסן — ענטפער איך און ס'ווארפט מיך ווי אין קדחת. הער מיך אויס, גימפל, זאגט זי, גיי ארויס אין דרויסן צום קעמערל און גיב א קוק צו דער ציג. זי איז, דוכט זיך, חולה. כ'האב פארגעסן צו דערמאנען, אז מיר האבן געהאט א ציג. דערהערט, אז די קאזע איז נישט מיט אלעמען, גיי איך ארויס אויפן הויף. ס'איז געווען א ווייל באשעפעניש. כ'בין צו איר געווען צוגעבונדן ווי, להבדיל, צו א מענטש.

כ'גיי צו צום קעמערל מיט שטרויכלענדיקע טריט און עפן אויף ס'טירל. די ציג שטייט אויף די פיר פיס. כ'טאפ זי ארום, צי זי ביי די הערנער, ריר אן איר אייטער. כ'זע ניש' קיין שום שלעכטס. אוודאי זיך אנגעפרעסן מיט צו פיל קארע, קלער איך. א גוטע נאכט דיר, קאזעלע, זאג איך. זיי מיר געזונט און שטארק; און די שטומע חיה ענטפערט מיר אפ מיט א מע, א שטייגער ווי זי וואלט מיר געוואלט זאגן אויף שטום-לשון: א שיינעם דאנק.

איך קער זיך אום און זע, אז דער גזועל איז אויסגערונען. ווו, פרעג איך, איז דער יונג? וואס פאר א יונג? — פרעגט צוריק מיין ווייבל. סטייטש, זאג איך, דער גזועל. ביסט דאך מיט אים געשלאפן. וואס ס'האט זיך מיר געחלומט די נאכט און יענע נאכט, טוט מיין ווייבל א רוף, זאל



As I approached the house my heart started to pound as though it were the heart of a criminal. I felt no fear, but my heart went thump! thump! Well, no drawing back. I quietly lifted the latch and went in. Elka was asleep. I looked at the infant's cradle. The shutter was closed, but the moon forced its way through the cracks. I saw the newborn child's face and loved it as soon as I saw it—immediately—each tiny bone.

Then I came nearer to the bed. And what did I see but the apprentice lying there beside Elka. The moon went out all at once. It was utterly black, and I trembled. My teeth chattered. The bread fell from my hands and my wife waked and said, "Who is that, ah?"

I muttered, "It's me."

"Gimpel?" she asked. "How come you're here? I thought it was forbidden."

"The rabbi said," I answered and shook as with a fever.

"Listen to me, Gimpel," she said, "go out to the shed and see if the goat's all right. It seems she's been sick." I have forgotten to say that we had a goat. When I heard she was unwell I went into the yard. The nannygoat was a good little creature. I had a nearly human feeling for her.

With hesitant steps I went up to the shed and opened the door. The goat stood there on her four feet. I felt her everywhere, drew her by the horns, examined her udders, and found nothing wrong. She had probably eaten too much bark. "Good night, little goat," I said. "Keep well." And the little beast answered with a "Maa" as though to thank me for the good will.

I went back. The apprentice had vanished.

"Where," I asked, "is the lad?"

"What lad?" my wife answered.

"What do you mean?" I said. "The apprentice. You were sleeping with him."

"The things I have dreamed this night and the night before," she said, "may they come true and lay you low, body and soul! An evil

אויסגיין צו דײַן קאָפּ און צו דײַן לײַב און לעבן. נישט אַנדערש, זאָגט זי, נאָר אַ נישט־גוטס האָט זיך אין דיר באַזעצט און פֿאַרבלענדט דיר די אויגן. זי טוט אַ געשריי: דו ניכפּהניק, דו מאַנקאַלב, דו צוריקגעשריגענער, דו קאַלטן, אַרויס פֿון דאַנען, וואָרן כ׳על מאַכן אַ געוואַלד, וועט גאַנץ פֿראַמפּאָל זיך צונויפֿקומען. איידער וואָס איידער ווען טוט אַ שפּרינג אַפֿער איר ברודער פֿון הינטערן פּיעקעליק און דערלאַנגט מיר מיט דער פֿויסט אַ זעץ גלײַך אין נאַקן אַרײַן. כ׳האָב געמיינט, ר׳עט מיר דעם גניק צעברעכן. כ׳האָב פֿאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז דער מער מיט מיר און כ׳טענה צו איר: מאַך נישׁ׳ ס׳לײַטישע געלעכטער. מער, זאָג איך, פֿעלט נישט, נאָר מ׳זאָל מיר מאַכן אַ שם אַז כ׳האָב צו טאָן מיט יענע לײַט. קיינער וועט זיך נישט צורירן צו מײַן געבעקס. בקיצור, כ׳האָב זי ווי ס׳איז אײַנגענומען.

נו, אַ סוף, זאָגט זי, לייג דיך און ווער ראָד געבראָכן.

צו מאָרגנס האָב איך אַוועקגערופֿן דעם געזעל אויף אַ סוד. הער מיך אויס, ברודער, זאָג איך, אַזוי און אַזוי. וואָס זאָגסטו? קוקט ער מיך אָן ווי כ׳וואָלט אַראָפּגעפֿאַלן פֿון דאַך. כלעבן, זאָגט ער, גיי אַרײַן צו אַ רופֿא, אָדער צו אַן אַלטער גויע. כ׳האָב מודא, זאָגט ער, אַ ס׳פֿעלט דיר אַ קלעפּקע אין קאָפּ. נאָר מײַן כּפּרה ביסטו. איכ׳ל קיינעם נישׁ׳ דערציילן. פּתח שין שאַ. און אַזוי איז געבליבן.

צו מאַכן אַ לאַנגע מעשׂה קורץ: כ׳האָב אָפּגעלעבט מיט מײַן ווײַב איבער צוואַנציק יאָר. זעקס קינדערלעך האָט זי מיר געהאַט: פֿיר מיידעלעך און צוויי ייִנגעלעך. אין דער צײַט האָבן פּאַסירט אַלערליי זאַכן, נאָר כ׳האָב נישׁ׳ געזען און נישׁ׳ געהערט. כ׳האָב געגלייבט און ווײַטער גאָרנישט. דער רבֿ האָט מיר אַנומלט געזאָגט: אַז דו גלייבסט, איז וווויל דיר. ס׳שטייט, אַז אַ צדיק לעבט מיט זײַן אמונה.

מיט אַ מאָל איז מײַן ווײַב שלאַף געוואָרן. אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט אַ קלייניקייט, אַ גריזל אויף דער ברוסט. נאָר זי האָט, אַ פּנים, נישט געהאַט קיין יאָרן. כ׳האָב אויסגעגעבן אויף איר אַ פֿאַרמעגן. כ׳האָב פֿאַרגעסן צו זאָגן, אַז כ׳האָב שוין דעמאָלט געהאַט אַ בעקערײַ פֿאַר זיך און מ׳האָט מיך שוין געהאַלטן אין פֿראַמפּאָל פֿאַר אַ שטיקל נגיד. יעדן טאָג איז געקומען דער רופֿא. ווו אַ כּישוף־מאַכערין האָט מען זי געבראַכט צו מיר. מ׳האָט געפּסלט, געשטעלט פּיאַווקעס, באַנקעס. מ׳האָט אַפֿילו געבראַכט



spirit has taken root in you and dazzles your sight." She screamed out, "You hateful creature! You moon calf! You spook! You uncouth mane! Get out, or I'll scream all Frampol out of bed!"

Before I could move, her brother sprang out from behind the oven and struck me a blow on the back of the head. I thought he had broken my neck. I felt that something about me was deeply wrong, and I said, "Don't make a scandal. All that's needed now is that people should accuse me of raising spooks and *dybbuks*." For that was what she had meant. "No one will touch bread of my baking."

In short, I somehow calmed her.

"Well," she said, "that's enough. Lie down, and be shattered by wheels."

Next morning I called the apprentice aside. "Listen here, brother!" I said. And so on and so forth. "What do you say?" He stared at me as though I had dropped from the roof or something.

"I swear," he said, "you'd better go to an herb doctor or some healer. I'm afraid you have a screw loose, but I'll hush it up for you." And that's how the thing stood.

To make a long story short, I lived twenty years with my wife. She bore me six children, four daughters and two sons. All kinds of things happened, but I neither saw nor heard. I believed, and that's all. The rabbi recently said to me, "Belief in itself is beneficial. It is written that a good man lives by his faith."

Suddenly my wife took sick. It began with a trifle, a little growth upon the breast. But she evidently was not destined to live long; she had no years. I spent a fortune on her. I have forgotten to say that by this time I had a bakery of my own and in Frampol was considered to be something of a rich man. Daily the healer came, and every witch doctor in the neighborhood was brought. They decided to use leeches, and after that to try cupping. They even called a doctor from Lublin, but it was too late. Before she died she called me to her bed and said, "Forgive me, Gimpel."

I said, "What is there to forgive? You have been a good and faithful wife."

"Woe, Gimpel!" she said. "It was ugly how I deceived you all these years. I want to go clean to my Maker, and so I have to tell you that the children are not yours."

א דאקטער פון לובלין, נאר ס'איז געווען צו שפעט. פארן טויט רופט זי מיך צו צום בעט און זאגט: גימפל, זיי מיר מוחל. זאג איך: וואס האב איך דיר מוחל צו זיין? ביסט געווען א געטריי ווייב. זאגט זי: ווײ, גימפל, כ'האב דיך נעבעך מיאוס גענארט, אלע יארן. כ'וויל אוועק צו גאט ריין. זיי וויסן, אז די קינדער זענען נישט דיינע. ווען מ'דערלאנגט מיר מיט א שטאנג איבערן קאפ, וואלט איך נישט אזוי צעמישט געווארן. וועמענס זענען זיי? — פרעג איך. כ'ווייס ניש', זאגט זי, ס'זענען געווען א סך, נאר דיינע זענען זיי נישט. און אזוי ווי זי רעדט, טוט זי א פארווארף ס'קעפל, א פארגלאץ די אויגן און ס'איז אויס עלקע. אויף די ווייסע ליפן איז געבליבן א שמייכל. ס'דוכט זיך מיר, אז זי זאגט טויטערהייט: כ'האב אפגענארט גימפלען. דאס איז געווען דער תכלית פון מיינע פארשניטענע יארן...

ד

איין מאל ביי נאכט, נאך דער שיבעה, ווען כ'בין געלעגן אויף די זעק און געדרימלט, איז געקומען צו מיר יענער פארשוין, טאקע דער יצר־הרע אליין, און זאגט צו מיר: גימפל, וואס שלאפסטו? זאג איך: וואס זאל איך טאן? עסן קרעפלעך? זאגט ער: אז די גאנצע וועלט נארט דיך, נאר דו די וועלט. זאג איך: ווי אזוי קאן איך אפנארן א וועלט? ענטפערט ער: זאמל אן יעדן טאג אן עמער השתנה און ביי נאכט טו עס אריין אין יורעכץ. זאלן זיי, זאגט ער, פרעסן אומריינקייט, די פראמפאלער חכמים. זאג איך: וואס איז מכוח יענער וועלט? זאגט ער: ס'איז נישטא קיין יענע וועלט. מ'האט דיר איינגערעדט א קאץ אין בויך. נו, זאג איך, און א גאט איז דא? זאגט ער: ס'איז קיין גאט אויך נישטא. וואס זשע, זאג איך, איז יא דא? זאגט ער: א טיפע בלאטע. ער שטייט מיר פאר די אויגן, דער בעל־דבר: מיט א ציגנבערדל, מיט הערנער פון א באק, מיט לאנגע ציין און א ווידל. דערהערט אזעלכע ווערטער, האב איך אים געוואלט אנכאפן ביים עק, נאר כ'האב מיך אראפגעקוילערט פון די זעק מעל און שיער נישט צעבראכן א ריפ. כ'האב גראד געדארפט טאן מיין באדערפעניש און דא דערזע איך ס'גרויסע טייג און ס'בעט זיך ממש: טו עס אפ. בקיצור כ'האב מיר געלאזט איבעררעדן. פאר טאג איז געקומען דער געזעל, מיר האבן אויסגעקנעטן די ברייטלעך, באשאטן מיט קימל און אריינגעזעצט. דערנאך איז דער יונג אוועק און איך בין געבליבן זיצן אין גרוב ביים אויוון, אויף



If I had been clouted on the head with a piece of wood it couldn't have bewildered me more.

"Whose are they?" I asked.

"I don't know," she said, "there were a lot. . . . But they're not yours." And as she spoke she tossed her head to the side, her eyes turned glassy, and it was all up with Elka. On her whitened lips there remained a smile.

I imagined that, dead as she was, she was saying, "I deceived Gimpel. That was the meaning of my brief life."

4.

One night, when the period of mourning was done, as I lay dreaming on the flour sacks, there came the Spirit of Evil himself and said to me, "Gimpel, why do you sleep?"

I said, "What should I be doing? Eating *kreplach*?"

"The whole world deceives you," he said, "and you ought to deceive the world in your turn."

"How can I deceive all the world?" I asked him.

He answered, "You might accumulate a bucket of urine every day and at night pour it into the dough. Let the sages of Frampol eat filth."

"What about judgment in the world to come?" I said.

"There is no world to come," he said. "They've sold you a bill of goods and talked you into believing you carried a cat in your belly. What nonsense!"

"Well then," I said, "and is there a God?"

He answered, "There is no God either."

"What," I said, "*is* there, then?"

"A thick mire."

He stood before my eyes with a goatish beard and horns, long-toothed, and with a tail. Hearing such words, I wanted to snatch him by the tail, but I tumbled from the flour sacks and nearly broke a rib. Then it happened that I had to answer the call of nature, and, passing, I saw the risen dough, which seemed to say to me, "Do it!" In brief, I let myself be persuaded.

At dawn the apprentice came. We kneaded the bread, scattered caraway seeds on it, and set it to bake. Then the apprentice went away, and I was left sitting in the little trench by the oven, on a pile of rags.

אַ הויפֿן שמאַטעס. נו, טראַכט איך, האָסט נקמה גענומען, גימפּל, פֿאַר אַלע בזיונות. אין דרויסן האָט געקנאַקט דער פֿראָסט, נאָר דאָ איז געווען וואַרעם. ס'האָט געגליט אין פּנים. כ'האָב אײַנגעבויגן דעם קאָפּ און בין אַנטדרימלט געוואָרן.

ווי כ'שלאָף אײַן, קומט מיר צו חלום עלקע, אָנגעטאָן אין תּכריכים, און טוט אַ רוף: וואָס האָסטו אָפּגעטאָן, גימפּל? זאָג איך: ס'איז אַלץ דײַן שולד, און הייב אָן צו וויינען. זאָגט זי: דו תּם, און אַז עלקע איז פֿאַלש, איז שוין אַלץ ליגן? איך אַליין האָב אויך קיינעם נישט אָפּגענאַרט אַחוץ מיך אַליין. כ'צאָל פֿאַר אַלץ, גימפּל; מ'שענקט דאָרט גאָרנישט! כ'טו אַ קוק אויף איר פּנים: שוואַרץ ווי ...יל. באַלד האָב איך מיך אויפֿגעכאַפּט. אַ לאַנגע ווײַל בין איך געבליבן זיצן אַ פֿאַרשטומטער. כ'האָב געפֿילט ווי אַלץ הענגט אויף דער וואָגשאָל. איין טריט — און כ'פֿאַרליר עולם־הבא. אָבער גאָט האָט מיר געהאָלפֿן. כ'האָב אַ כאַפּ געטאָן די לאָפּעטע, אַרויס־גערוקט אַלע לאַבנס, זיי אַרויסגעטראָגן אויפֿן הויף און גענומען גראָבן אַ גרוב אין דער געפֿרוירענער ערד. דערווײַל קומט אָן מײַן יונג. באַלעבאָס, זאָגט ער, וואָס טוט איר? און ער ווערט בלייך ווי אַ מת. ס'איז אַלץ רעכט, זאָג איך, און כ'באַגראָב פֿאַר זײַנע אויגן ס'גאַנצע געבעקס. דערנאָך בין איך אַוועק אַהיים, אַרויסגענומען פֿון באַהעלטעניש ס'פּעקל פּאַפּירגעלט און צעטיילט צווישן די קינדער. כ'האָב הײַנט בײַ נאַכט, זאָג איך, געזען אײַער מאַמען, זי ווערט נעבעך גוט פֿאַרשוואַרצט. זיי זענען געוואָרן אַזוי פֿאַרבליפֿט, אַז זיי האָבן נישט געקאָנט קיין וואָרט אַרויסרעדן. זײַט געזונט, זאָג איך צו זיי, און פֿאַרגעסט, אַז ס'איז געווען אַ מאָל אַ גימפּל. איך טו אָן מײַן טוזליק, אַ פּאָר שטיוול, נעם דעם טלית־זאַק אין איין האַנט, דעם שטעקן — אין דער אַנדערער, און קוש די מזוזה. ווען די לײַט האָבן מיך דערזען אין גאַס, זענען זיי שטאַרק פֿאַרחידושט געוואָרן. ווו גייט איר ערגעץ? — פֿרעגן זיי מיך, און איך ענטפֿער: כ'גיי אין דער וועלט אַרײַן. און אַזוי בין איך אַוועק פֿון פֿראַמפּאָל.

איך האָב געוואָגלט איבער דער מדינה און גוטע מענטשן האָבן מיך נישט פֿאַרלאָזט. יאָרן זענען אַוועק. כ'בין געוואָרן אַלט און גרוי. אַ סך מעשׂיות האָב איך מיך אָנגעהערט, אַ סך שקרים און אויסטראַכטעכצער, אָבער וואָס לענגער כ'האָב געלעבט, אַלץ מער האָב איך אײַנגעזען, אַז קיין ליגנס זענען גאָרנישט פֿאַראַן. אויב עפּעס געשעט נישט מיט האָצמאַכן, איז



Well, Gimpel, I thought, you've revenged yourself on them for all the shame they've put on you. Outside the frost glittered, but it was warm beside the oven. The flames heated my face. I bent my head and fell into a doze.

I saw in a dream, at once, Elka in her shroud. She called to me, "What have you done, Gimpel?"

I said to her, "It's all your fault," and started to cry.

"You fool!" she said. "You fool! Because I was false is everything false too? I never deceived anyone but myself. I'm paying for it all, Gimpel. They spare you nothing here."

I looked at her face. It was black. I was startled and waked, and remained sitting dumb. I sensed that everything hung in the balance. A false step now and I'd lose Eternal Life. But God gave me His help. I seized the long shovel and took out the loaves, carried them into the yard, and started to dig a hole in the frozen earth.

My apprentice came back as I was doing it. "What are you doing, boss?" he said, and grew pale as a corpse.

"I know what I'm doing," I said, and I buried it all before his very eyes.

Then I went home, took my hoard from its hiding place, and divided it among the children. "I saw your mother tonight," I said. "She's turning black, poor thing."

They were so astounded they couldn't speak a word.

"Be well," I said, "and forget that such a one as Gimpel ever existed." I put on my short coat, a pair of boots, took the bag that held my prayer shawl in one hand, my stick in the other, and kissed the *mezzuzah*. When people saw me in the street they were greatly surprised.

"Where are you going?" they said.

I answered, "Into the world." And so I departed from Frampol.

I wandered over the land, and good people did not neglect me. After many years I became old and white; I heard a great deal, many lies and falsehoods, but the longer I lived the more I understood that there were really no lies. Whatever doesn't really happen is dreamed

מיט גרונמען. אויב נישט הײַנט, איז מאָרגן, איבער אַ יאָר, אָדער גאָר איבער הונדערט יאָר. וואָס איז די נפֿקא־מינה? נישט איין מאָל ווען כ׳האָב געהערט פֿון אַ טראַף האָב איך געקלערט: דאָס קאָן שוין נישט געמאָלט זײַן — און ס׳גייט נישט אַוועק קיין יאָר אָדער צוויי, ווי כ׳הער ס׳איז טאַקע ערגעץ ווו פֿאַרלאָפֿן. אַפֿילו ווען אַ מעשׂה איז שוין אויסגעטראַכט, האָט זי אויך אַ האַפֿט. פֿאַר וואָס קלערט איינער אויס אַזאַ זאַך און דער צווייטער — אַן אַנדערע?

אַזוי ווי כ׳גיי איבער די הײַזער און עס בײַ פֿרעמדע טישן, קומט מיר אָפֿט אויס צו דערציילן מעשׂיות — נישט געשטויגן, נישט געפֿלויגן, מיט אַ שד, אַ ווילקאָלאַק, אַ כּישוף־מאַכער, אַ ווינטמיל, ווייסעך־וואָס. די קינדער יאָגן מיך אַרום: זיידעשי, דערציילט אַ מעשׂה. אַ מאָל זאָגן זיי מיר פֿון וואָס צו דערציילן און כ׳טו זיי צוליב. אַ דאגה האָב איך. איין מאָל זאָגט צו מיר אַ פּעמפּיק: זיידע, ס׳איז אַלץ די אייגענע מעשׂה. און כלעבן ר׳איז גערעכט געווען, דער שייגאַץ.

אַזוי איז דאָס אויך מיט חלומות. שוין אַזוי פֿיל יאָרן ווי כ׳בין אַוועק פֿון פֿראַמפּאָל, און ווי גאָר כ׳טו צו אַן אויג — בין איך ווידער דאָרט; און וועמען, מיינט איר, זע איך? עלקען. זי שטייט בײַ דער באַליע וועש, ווי אין ערשטן טאָג פֿון אונדזער באַגעגעניש, נאָר ס׳פּנים שײַנט, די אויגן זענען ליכטיק, ווי בײַ אַ צדקת, און זי רעדט צו מיר אויסטערלישע רייד. ווען כ׳קום אויף, האָב איך אַלץ פֿאַרגעסן, אָבער דערווײַל איז מיר ווויל. זי פֿאַרענטפֿערט מיר אַלע קשיות און ס׳קומט אויס אַז אַלץ איז רעכט. כ׳וויין פֿאַר איר און בעט איר: נעם מיך צו דיר, און זי טרייסט מיך: האָב געדולד, גימפּל. ס׳איז שוין נעענטער ווי ווײַטער. צו מאָל קושט זי מיך, האַלדזט מיך, וויינט אויף מײַן פּנים, און אַז כ׳וועק מיך אויף, שפּיר איך אירע ליפּן און דעם געזאַלצענעם טעם פֿון אירע טרערן.

אַוודאי איז די וועלט אַן עולם־השקר, אָבער זי איז איין טריט פֿון דער אמתער וועלט. פֿאַר דער טיר פֿון הקדש, ווו כ׳ליג, שטייט ס׳טהרה־ברעט. דער קבֿרות־ייִד האָט גרייט דעם רידל. ס׳קבֿר וואַרט. די ווערעם זענען הונגעריק. די תּכריכים ליגן בײַ מיר אין דער טאָרבע. אַן אַנדער שנאָרער וואַרט שוין אויף מײַן בינטל שטרוי. מערטשישעם, אַז די צײַט וועט קומען, וועל איך גיין אַהין מיט פֿרייד. וואָס ס׳זאָל דאָרט נישט זײַן, אַלץ איז וואָר, אָן פֿאַרדרייעניש, אָן לצנות און שווינדל. גאָט צו דאַנקען: דאָרט קאָן מען אַפֿילו גימפּלען אויך נישט אָפּנאַרן.



at night. It happens to one if it doesn't happen to another, tomorrow if not today, or a century hence if not next year. What difference can it make? Often I heard tales of which I said, "Now this is a thing that cannot happen." But before a year had elapsed I heard that it actually had come to pass somewhere.

Going from place to place, eating at strange tables, it often happens that I spin yarns—improbable things that could never have happened—about devils, magicians, windmills, and the like. The children run after me, calling, "Grandfather, tell us a story." Sometimes they ask for particular stories, and I try to please them. A fat young boy once said to me, "Grandfather, it's the same story you told us before." The little rogue, he was right.

So it is with dreams too. It is many years since I left Frampol, but as soon as I shut my eyes I am there again. And whom do you think I see? Elka. She is standing by the washtub, as at our first encounter, but her face is shining and her eyes are as radiant as the eyes of a saint, and she speaks outlandish words to me, strange things. When I wake I have forgotten it all. But while the dream lasts I am comforted. She answers all my queries, and what comes out is that all is right. I weep and implore, "Let me be with you." And she consoles me and tells me to be patient. The time is nearer than it is far. Sometimes she strokes and kisses me and weeps upon my face. When I awaken I feel her lips and taste the salt of her tears.

No doubt the world is entirely an imaginary world, but it is only once removed from the true world. At the door of the hovel where I lie, there stands the plank on which the dead are taken away. The grave-digger Jew has his spade ready. The grave waits and the worms are hungry; the shrouds are prepared—I carry them in my beggar's sack. Another *shnorrer* is waiting to inherit my bed of straw. When the time comes I will go joyfully. Whatever may be there, it will be real, without complication, without ridicule, without deception. God be praised: there even Gimpel cannot be deceived.

*Translated by Saul Bellow*